פרשת חיי שרה ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון עט ||| שנה ג'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני – שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

בך אבטח – א
קביעת עתים לתורה – ד
עבודה במחשבה – ח

## בך אבטח

### לה' הארץ ומלואה;

וויסן און געדענקן אַז דאָס געלט איז קיינמאָל נישט געווען מיינס

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ל"ה, א' וארא תש"פ

חלק ב

א

## נותן לחם לכל בשר; ס'איז נישט אונזער אויפגאַבע צו אַרבעטן כדי צו באַקומען אונזערע צרכים

### דער טעות'דיגער בליק; איך דאַרף זיך אַליין פאַרזאָרגן

דער חובת הלבבות שטעלט אונז דאָ אַראָפּ אַ כלל אַז דער מענטש וואָס האָט אַ ריכטיגע בטחון, דרייט זיך אַלעמאָל אַרום מיט דעם געפיל, אַז **זיין געלט איז בלויז אַ פקדון וואָס ער דאַרף אָפּהיטן**, און ער שפּירט נישט אַז דאָס געלט איז זיינס.

לאָמיר זיך מתבונן זיין אין דער נקודה, צו בעסער פאַרשטיין: **וואָס איז די שייכות פון דער מדה פון בטחון מיט דער הרגשה אַז "איך בין בלויז אַ שומר אויפ'ן געלט"**.

די געווענליכע בליק פון מענטשן אויף דער וועלט איז, אַז מ'דאַרף זיך אַליין מסדר זיין די אייגענע באַדערפענישן. דער מענטש שטייט אויף אינדערפרי און ער טראַכט גלייך: **ס'איז נישטאָ קיין ברירה, אויב מ'וויל מצליח זיין דאַרף מען אַרבעטן שווער.** אויב כ'וויל האָבן געלט, דאַרף איך גיין עוסק זיין אין פרנסה... אויב כ'וויל האָבן גוטן שידוך פאר מיין בחור, דאַרף איך אַליין גיין מברר זיין און טון דערינען....

אודאי אויב ס'גייט נישט וועל איך בעטן דעם אויבערשטן אַז כ'זאָל האָבן די האַנט פון 'בתיה בת פרעה' און כ'זאָל אָנקומען דערצו... כ'וועל מתפלל זיין: **"איך אַרבעט דאך צו באַקומען די זאַך, און כ'קען עס נישט באַקומען. נו, רבוש"ע, מאַך אַז כ'זאָל עס קענען נעמען!"**

### די בריאה איז אויסגעשטעלט אַז מ'באַקומט אַלעס פון הימל

דער אמת איז אָבער אַז דאָס איז אַ טעות מוחלט, ווייל די גאַנצע וועג וויאַזוי דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט די בריאה איז, אַז דער מענטש דאַרף בכלל נישט אַליין נעמען זאַכן!

קיין שום מענטש, פון יונג ביז אַלט, **דאַרף גאָרנישט טון צו נעמען און באַקומען זיינע צרכים!** דער מענטש האָט בלויז איין פליכט אויף דער וועלט; **ער דאַרף מקיים זיין דעם שליחות פון השי"ת!** נאר דאָס דאַרפסטו טון, און אַלע אַנדערע זאַכן וועט מען דיר ממילא געבן. **דאַרפסט אפילו קיינמאָל נישט אויסשטרעקן די האַנט!** דאַרפסט נישט האָבן קיין לאַנגע האַנט ווי בתי' בת פרעה, און דאַרפסט אפילו נישט קיין פשוט'ע האַנט. מ'גייט דיך אַלעס געבן פון הימל!

### מיר דאַרפן בלויז אויספירן אונזער שליחות

הרה"ק רבי **פנחס'ל קאָריצער** זצ"ל האָט געזאָגט (אמרי פנחס, אמת ואמונה אות נב): **'מאותה פעם שהתחלתי לעבוד את הבורא, לא רדפתי אחר שום דבר שבעולם להשיגו, רק מה שהקב"ה נתן לי'** - פון דעם טאָג וואָס איך האָב אָנגעהויבן דינען דעם אויבערשטן, בין איך נישט נאָכגעלאָפן קיין שום זאַך אויף דער וועלט! איך האָב נישט געשפּירט אַז כ'דאַרף עפּעס נאָכלויפן און עפּעס גיין ברענגען. איך האָב גענומען נאר זאַכן וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט מיר געגעבן. אַז דער רבוש"ע גיבט עס מיר, דאַרף איך עס האָבן.

דער רבוש"ע זאָגט אונז: איך האָב געמאַכט אַ וועלט פאר איין תפקיד, אַז אידישע קינדער זאָלן מיך דינען. וואָס הייסט דינען?! **קוק אין דער תורה וואָס דו דאַרפסט יעצט טון**, און דאָס זאָלסטו טון.

יעצט דאַרף מען זאָגן ברכת השחר? איך גיי זאָגן ברכת השחר! יעצט דאַרף מען גיין דאַווענען? איך גיי דאַווענען! יעצט דאַרף מען קובע עתים זיין לתורה? איך בין קובע עתים! **יעצט דאַרף מען אַרויסגיין אַרבעטן פאר פרנסה? איך גיי עוסק זיין בפרנסה, און איך טו עס נאר אַלס אַ שליחות פון דעם אויבערשטן**, ווייל דער רבוש"ע האָט מיך געהייסן דאָס טון!

### טון השתדלות איז אויך אַ חלק פון דעם שליחות

פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן אַז מ'זאָל דאַרפן טון השתדלות פאר פרנסה? אויף דעם איז דאָ אַסאַך טעמים. איינס פון די טעמים איז ווייל דאָס איז אַ קנס אויף דעם חטא אדם הראשון. דעמאָלט איז נגזר געוואָרן אַז די השתדלות זאל אָנקומען מיט שווייס, בזיעת אפך תאכל לחם. אָבער **אַגאַנצן צייט דאַרף מען בלייבן פאָקוסירט אַז ווען איך בין עוסק אין פרנסה, טו איך דעמאָלט אַ שליחות פון דעם אויבערשטן.**

איי, וואָס וועט זיין מיט מיינע באַדערפענישן? אויף דעם האָט שוין דער רבוש"ע מבטיח געווען אַז ער וועט מיר דאָס געבן, **נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו!** דאָס איז בכלל נישט מיין דאגה, ער וועט מיר שוין געבן אַלעס וואָס איך דאַרף האָבן, אויב איך גיי טון זיין רצון אויף יעדן טריט.

### השי"ת גיבט אונז אַלע צרכים, כדי מיר זאָלן נישט זיין פאַרנומען דערמיט

און דער חשבון דערפון איז זייער פשוט: דער רבוש"ע האָט אונז דאך אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט

צו טון אין עבודת ה' און מקיים זיין תורה ומצוות, **אויב דער מענטש וואָלט געדאַרפט זיין פּאַרנומען מיט זיינע צרכים פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט קיין צייט צו דאַווענען און לערנען** און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס אַ איד דאַרף טון.

דעריבער האָט דער רבוש"ע אויסגעשטעלט אַ פלאַן פאַר'ן מענטש: **איך האָב דיך לכתחלה נישט געהייסן זיין פּאַרנומען מיט דיינע צרכים!** דו זיי פּאַרנומען מבוקר ועד ערב מיט די זאַכן וואָס איך האָב דיך געהייסן טון, און דיינע באַדערפענישן וועל איך דיך שוין צושטעלן.

אַזוי האָט דער אויבערשטער לכתחלה אויסגעשטעלט דעם מהלך, ווייל נאָר אַזוי קען שטימען די בריאה און נאָר אַזוי קען דער מענטש אויספירן זיין תפקיד און אָנפילן זיינע טעג מיט'ן מקיים זיין דעם רצון ה'.

ב

# שליח עושה שליחותו; דער בעל בטחון ווייסט אַז ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געטון צו באַקומען זיין געלט

## 'מער הוצאות' מיינט נישט אַלעמאָל 'מער השתדלות'

אָבער ליידער, רוב מענטשן טראַכטן נישט אַזוי, ווייל דער יצר הרע פאַרדרייט אונז דעם קאָפּ מיט די נישט ריכטיגע מהלך המחשבה, 'יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ובכל שעה ובכל רגע'.

דער מענטש זאָגט: איך האָב נישט קיין צייט צו לערנען, כ'האָב נישט קיין קאָנצענטראַציע צו דאַווענען, כ'האָב נישט קיין מינוט מנוחה, ווייל איך דאַרף דאָך דאגה'ן אויף מיינע צרכים! **ווייסט וואָס פאַראַ צרכים איך האָב אַלס? איך האָב אַ משפחה מיט קינדער!** לעצטנס איז מיר באַפאַלן אַ פרשה וואָס קאָסט זייער אַסאַך געלט! ווי קען איך יעצט דינען דעם אויבערשטן?!

אָבער דער אמת איז דאָך פונקט פאַרקערט. די גאַנצע בריאה איז געוואָרן אויסגעשטעלט מיט אַ געוואַלדיגן סדר, אַז יעדער מענטש זאָל באַקומען זיינע צרכים כדי ער זאָל קענען טון זיין אמת'ע שליחות, צו דינען דעם אויבערשטן. **טאָמער דער מענטש זעט אַז ער באַקומט נישט זיינע צרכים, דאַרף ער זיך מתבונן זיין וויאַזוי צו מאַכן בעסער זיין שליחות**, ווייל דער רבוש"ע האָט דאָך מבטיח געווען אַז אויב דו וועסט טון דיין שליחות, וועסטו באַקומען דיינע צרכים.

## ותשועה ברוב יועץ; מ'דאַרף אַלעמאָל פרעגן אַ מורה דרך

און אַז דער מענטש איז צעטומלט און ווייסט נישט דעם ריכטיגן וועג, **גיי צו אַ מורה דרך!** גיי צו אַן ערליכער איד אַ תלמיד חכם אַז ער זאָל דיר אָנווייזן 'וואָס איז דיין שליחות יעצט'.

צום ביישפיל: אַ מענטש טרעפט זיך אַז ס'איז אים אונטערגעקומען אַ נייע ריזיגע הוצאה אין שטוב, צוליב אַ געוויסע מצב וואָס האָט זיך יעצט געטוישט, און ער ווייסט נישט אויב ער זאָל צולייגן נאָך שעות און אַרבעטן אויך ביינאַכט. זאָל ער נישט מחליט זיין: **'ס'איז זיכער אַ סימן פון הימל אַז איך דאַרף אַרבעטן מער צו דעקן די פרישע הוצאות'**, נאָר ער זאָל דאָס מברר זיין מיט אַן ערליכער איד. **אפשר איז דיין שליחות צו האָבן מער אמונה ובטחון!?** אפשר איז דיין שליחות אַז דו זאָלסט דוקא 'נישט' מאַכן מער השתדלות, און אויב דו וועסט טון דיין שליחות ריכטיג וועט דיך דער אויבערשטער געבן דאָס געלט?! זיי דאָס מברר, קוק נישט אויף די זאַך בלויז אויבערפלעכליך!

## ריכטיגע השתדלות איז אויך אַ חלק פון דעם שליחות

עס טוט ווי ווען מ'הערט צומאָל וויאַזוי מענטשן רעדן אַ שפּראַך, כאילו אַז באמת איז די שליחות פון אַ איד בלויז בשעת ער לערנט און דאַוונט, אָבער אויף עטליכע שעות פון טאָג האָט דער אויבערשטער געגעבן אַ 'היתר' אַז דער מענטש זאָל לייגן זיין שליחות אין דער זייט און גיין אַרבעטן, ווייל ער דאַרף אויך טון השתדלות פאַר פרנסה... און ווען ער ענדיגט טון זיין השתדלות זאָל ער צוריקגיין דינען דעם אויבערשטן און ווייטער טון זיין שליחות פון תורה ותפלה.

דאָס איז דאָך אַזאַ טעות, ווייל ממה נפשך, **אויב דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דו זאָלסט טון די השתדלות, ביסטו דאָך דעמאָלט מקיים דעם רצון ה'!** אויב אַ מענטש טוט ריכטיג השתדלות, דעמאָלט האַלטסטו דאָך יעצט טיף אינמיטן דיין שליחות!

## נאָר אַזאַ השתדלות וואָס שטערט נישט פון עבודת ה'

ווידעראום איז טאַקע דאָ אַסאַך מאָל וואָס מ'נאַרט זיך, מ'מיינט אַז מ'טוט דעם 'חובת ההשתדלות' און באמת הייבט זיך עס נישט אָן. אויב די השתדלות איז אויפ'ן חשבון פון אַנדערע עבודת ה', דעמאָלט **ווייסטו זיכער אַז דער אויבערשטער האָט דאָס נישט געוואָלט!** אויב ס'איז אויפ'ן חשבון פון **קביעת עתים**, אויפ'ן חשבון פון **דאַווענען**, אויפ'ן חשבון פון **די משפחה**, דאַן איז קלאָר אָן קיין ספק אַז **דאָס איז נישט דיין שליחות**, און דער אויבערשטער הייסט דיך בכלל נישט טון דאָס!

וועט אַ מענטש פרעגן: אָבער כ'דאַרף דאָך האָבן מיינע צרכים?! אויב כ'וועל נישט טון די איבריגע השתדלות, וויאַזוי וועל איך קענען דעקן מיינע הוצאות?! אויב אַזוי בין איך דאָך יאָ מחויב דאָס צו טון פאַר השתדלות?!

אופּס... דו ביסט פאַרגאַנגען מיט דער שאלה... ווייל **דער כלל בלייבט אַלעמאָל אַז דו דאַרפסט בכלל נישט ברענגען דיינע צרכים!** דער רבוש"ע גיבט פאַר'ן מענטש אַלע זיינע באַדערפענישן, דו דאַרפסט נאָר טון דיין שליחות! און דיין שליחות דאַרף מען אַוועקשטעלן **בלויז לויט וויאַזוי די תורה זאָגט!** אין יעדן מצב דאַרף מען אודאי האָבן אַ מורה דרך וואָס זאָל דיך זאָגן אויב די ספּעציפישע השתדלות איז יעצט אַ חלק פון דיין שליחות צי נישט.

## דער בעל בטחון ווייסט אַז ער האָט גאָרנישט געטון

לויט דעם יסוד פאַרשטייט מען זייער גוט פאַרוואָס דער בעל בטחון שפּירט אַלעמאָל אַז דאָס געלט איז בלויז אַ פקדון ביי אים, ווייל **דער בעל בטחון ווייסט מיט אַ קלאָרקייט אַז דער רבוש"ע גייט אים געבן אַלע זיינע צרכים** און ער דאַרף עס בכלל נישט נאָכלויפן, אַזוויוי רבי **פנחס קאָריצער** זצ"ל איז מגדיר וויאַזוי אַ בעל בטחון קוקט אויס, אַז ער לויפט קיינמאָל גאָרנישט נאָך, און זיין גאַנצע השתדלות טוט ער בלויז ווייל דאָס איז אַ חלק פון זיין שליחות אויף דער וועלט.

אויב אַזוי איז דאָך זייער פאַרשטענדליך פאַרוואָס דער מענטש שפּירט אַז דאָס געלט איז בלויז אַ פקדון וואָס ליגט ביי אים. **ער ווייסט דאָך דעם אמת אַז ער האָט גאָרנישט געטון צו באַקומען דאָס געלט.** ס'איז נישט פשט אַז ער האָט 'אַביסל' געטון און דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן. ניין! **ער האָט בעצם 'גאָרנישט' געטון!** ער האָט בסך הכל מקיים געווען זיין שליחות פון השתדלות און דער רבוש"ע האָט אים געגעבן דאָס געלט.

## דער בעל בטחון זעט דאָס מיט די אויגן

וויפיל מער אַ מענטש האָט בטחון וועט ער דאָס נישט בלויז דאַרפן גלייבן מיט 'אמונה', נאָר **ער וועט דאָס איינפאַך זען מיט די אויגן!** ער גייט זען וויאַזוי ער מאַכט השתדלות אויף איין פלאַץ און דאָס געלט קומט אים אָן פון אַן אַנדערע פלאַץ... ער איז עוסק בפרנסה רעכטס און דאָס געלט קומט פון לינקס... ער וועט דאָס זען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז **יעדעס מאָל וואָס ער האָט געמאַכט אַ ריבוי השתדלות האָט ער טאַקע נישט מצליח געווען, און ווען ער האָט יאָ געאַרבעט אויף זיין בטחון האָט ער עס יאָ באַקומען.** און נאָכ'ן דאָס זען בחוש אַזויפיל מאָל, גייט ער טאַקע **אָנהויבן ממש צו לעבן מיט די הרגשה**, אַז ער איז נישט בעה"ב אויף זיין געלט, נאָר ער איז אַ פּשוט'ער שומר אויף אַ פקדון.

אַזאַ סאָרט מענטש - זאָגט דער חובת הלבבות - וועט שוין נישט דאַרפן אַז זיין נאָמען זאָל נתפרסם ווערן בחוצות וברחובות ווען ער גיבט צדקה; ער וועט שוין נישט דאַרפן אַז יעדער מענטש וואָס האָט אַמאָל באַקומען פון אים צדקה זאָל אים זיין מחויב פּיתום ורעמסס, ווייל ער ווייסט **אַז איך האָב נישט געגעבן מיין געלט**. ער וועט בלויז דאַנקען דעם אויבערשטן וואָס האָט אים געמאַכט אַ 'סיבה לטובתו' (ווי דאָס לשון פון דעם חובת הלבבות), אַז ער איז אַ גבאי צדקה וואָס האָט באַקומען דעם זכות צו טיילן געלט פאַר אַנדערע אידן.

# ותראו את שקוציהם; פאַרוואָס האָבן צדיקים אַזוי שטאַרק ממאס געווען געלט

## מיגו דאי בעי מפקיר ליה לנכסיה

אַ הפלא'דיגע זאַך שטייט אין ספה"ק **רמתיים צופים**, פון הרה"ק רבי **שמואל שינאָווער** זצ"ל, אויף דעם כלל וואָס **חז"ל** זאָגן אַסאַך מאָל אין ש"ס, אַז 'דמאי' איז נאָר מותר צו עסן פאַר אַן אָרימאַן, אָבער להלכה ווערט עס אָנגערופן אַ 'מאכל הראוי לאכילה' פאַר יעדן מענטש. (דאָס איז נוגע פאַר אַסאַך דינים, צום ביישפיל אַז מען מעג נוצן דמאי צו מאַכן אַן עירובי תחומין און עירובי חצרות; מ'דאַרף בענטשן און מזמן זיין ווען מ'עסט דמאי; מ'איז יוצא מיט אכילת מצה און נטילת אתרוג פון דמאי, א.א.וו.)

דער טעם, פאַרוואָס ס'הייסט ראוי לאכילה אפילו פאַר אַ מענטש וואָס האָט אַסאַך געלט, זאָגן חז"ל איז ווייל: **'מיגו דאי בעי מפקיר להו לנכסיה והוי עני וחזי ליה'** - דער מענטש קען דאָך מפקיר זיין אַלע זיינע פאַרמעגנס, און דעמאָלט וואָלט ער געוואָרן אַן עני, אויב אַזוי איז די דמאי ראוי פאַר אים צום עסן.

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: למעשה האָט דאָך דער מענטש יעצט געלט, וויאַזוי קען מען זאָגן אַז היות ער קען מפקיר זיין דאָס געלט הייסט ער שוין אַן אָרימאַן און ער מעג עסן דמאי?! וואָס איז דער פשט פון אַזאַ סברא?!

## אַן אמת'ער איד איז אַלעמאָל גרייט זיך צו געזעגענען פון זיין געלט

נאר - זאָגט דער רמתיים צופים - די סיבה פאַרוואָס מ'קען זאָגן אַזאַ מיגו איז, **וויבאַלד דאָס איז אַ איד!** יעדער איד דאַרף האָבן די מידת השתוות אַז ער פאַרלאָזט זיך בכלל נישט אויף זיין געלט!

אַ איד וואָס האָט בטחון אין השי"ת דאַרף אַלעמאָל זיין אין אַ מצב אַז **ער איז בכלל נישט צוגעבינדן צו זיין געלט** און 'אי בעי מפקיר ליה לנכסיה' - אויב איז דער רצון ה' אַז ער זאָל אַלעס מפקיר זיין איז ער גרייט דערויף; **אויב דער אויבערשטער וויל אַז איך זאָל אים דינען אָן קיין געלט, זאָל זיין אַזוי.** אָבער וואָס וועט זיין מיט מיינע צרכים?! כ'ווייס נישט! **אויב דער אויבערשטער וויל אַז דאָס זאָל זיין מיין יעצטיגע שליחות, דעמאָלט בין איך מסכים.** און איך בין גרייט צו מפקיר זיין אַלע מיינע נכסים, הכל בכל מכל!

דאָס איז דאך אַזוי ווייט פון אונזער מדריגה, אָבער מ'דערמאַנט עס בלויז כדי אַז מ'זאָל וויסן פון אַזאַ סאָרט מושג, און מ'זאָל כאָטש שטרעבן צו אָנהויבן אַרויפגיין אויף דעם לייטער פון בטחון.

דער רמתיים צופים שמועסט דאָרט אויס אַז איינער וואָס קען נאָכנישט האָבן אַזאַ סאָרט מחשבה פון 'מפקיר ליה לנכסיה', איז פשט דערפון אַז ער איז נאָך שטאַרק צוגעבינדן צו זיין געלט, און **ער האָט נאָך אַ וועג צו אַרבעטן אויף זיין מדת הבטחון**, ביז ער וועט צוקומען צו די אמת'ע הרגשה אַז דאָס געלט איז נישט מיינס און כ'בין מסכים דאָס אויפצוגעבן.

## דער פערד ווערט נישט נתפעל פון דעם רויטן בענדל

לויט דעם יסוד איז דער רמתיים צופים מסביר דעם לשון פון חז"ל (חגיגה ט, ב): **יאה עניותא ליהודאי כי ברזא סומקא לסוסיא חיורא** - ס'איז שיין אָרימקייט אויף אַ איד, אַזויווי אַ רויטע בענדל איז זייער שיין ווען ס'ליגט אויף אַ ווייסע פערדל.

דער פשט דערפון איז נישט אַז מ'דאַרף דוקא זיין אַן אָרימאַן חלילה. די כוונה פון דער גמרא איז, אַז אַזויווי דער פערד איז נישט דבוק צו דעם תכשיט וואָס מ'האָט אַרויפגעלייגט אויף אים, ווייל **וואָס פאַרשטייט דען אַ פערד צום תכשיט, ס'בלייבט אַלעמאָל ביי אים אַ זייטיגע זאַך, אַ דבר חיצוני.** דאָס זעלבע איז ביי אידישע קינדער, אפילו ווען זיי האָבן אַ גרויסע עשירות, ווערט זייער האַרץ נישט נתפעל פון דעם עשירות, אַזויווי דער פערד ווערט נישט נתפעל פון דעם תכשיט. **דער איד ווערט נישט קיין אַנדערער סאָרט מענטש ווייל ער האָט געלט!**

## דאָס בערזל באַלאַנגט פאַר אַ צווייטן...

אַ איז איז אַמאָל אַריינגעקומען אין שול און זאָגט פאַר זיין חבר: "ווילסט עפּעס זען?!", ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ בערזל וואו עס ליגט 20 טויזנט דאָלער אויף דער רעכטער זייט און נאָך 30 טויזנט דאָלער אויף דער לינקער זייט. זעהנדיג ווי דער חבר כאַפּט התפּעלות זאָגט אים דער ערשטער מיט אַ שמייכל: **"זאָרג זיך נישט, יענער עושר איז געגאַנגען אין מקוה און ער האָט מיך געבעטן אַז כ'זאָל אַכטונג געבן אויף זיין בערזל..."**

דער חובת הלבבות לערנט אונז, אַז ממש **דעם זעלבן שמייכל און די זעלבע הרגשה שפּירט דער בעל בטחון ווען ער האַלט זיין אייגענע געלט!** זיין האַרץ בלייבט דאָס זעלבע פּונקט ווי דאָס האַרץ פון אַן אָרימאַן, ווייל ער ווייסט קלאָר אַז דאָס געלט ליגט ביי אים בלויז אַלס אַ פּקדון.

דער רמתיים צופים איז דאָרט מאריך אין דעם שטיקל איבער די גרויסע סכנה וואָס ליגט אין געלט, אַז עס קען אַוועקנעמען דעם לב נשבר פון אַ איד. אָבער **אויב האָט מען אמת'ע בטחון דעמאָלט וועט דאָס געלט נישט טוישן דעם מענטש**, ס'וועט אים נישט מאַכן דאָס פאַרקערטע פון אַ לב נשבר.

## בערל בערל, דער בעל דבר האָט מצליח געווען אויף דיר...

אין ספר **נפלאות הסבא קדישא** (עמוד ח), ווערט פאַרציילט אַז דער הייליגער ראדאשיצער זצ"ל איז אַלס יונגערמאַן געווען אַ שרעקליכער עני ואביון און זיין שטוב האָט ממש געליטן פון הונגער, נישט האָבנדיג קיין פּרוטה צום לעבן.

אַמאָל איז דער ראדאשיצער געגאַנגען אין גאַס און ער האָט געזען ווי ס'שטייט דאָרט אַ גוי'אישער קינד, מיט אַ גרויסע כלי אָנגעפולט מיט גאָלדענע רענדלעך, און דאָס קינד פרעגט אים צי ער וויל אָפּקויפן די גאַנצע כלי פאַר צען מטבעות. ס'איז דאָרט געליגן אַזאַ ריזיגע סומע, וואָס איז געווען גענוג פאַר עשירות פאַר אים און פאַר זיינע קומענדיגע דורות.

דער ראדאשיצער האָט אָבער געהאַט בלויז פינף מטבעות, האָט ער פאַרהאַנדלט מיט'ן גוי'אישן קינד און יענער האָט מסכים געווען. ער האָט אים געגעבן די פינף מטבעות און אָפּגעקויפט די כלי מיט די גאָלדענע רענדלעך.

אָבער דאַן האָט דער ראדאשיצער זיך מיישב געווען און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין: **"בערל בערל, דער בעל דבר האָט מצליח געווען אויף דיר. פון היינט וועסטו שוין נישט דאַרפן דאַווענען"**. אין דער מינוט וואָס דער צדיק האָט געהאַלטן דאָס געלט אין דער האַנט **האָט ער געשפּירט אַז ער גייט חלילה פאַרלירן אַ משהו פון זיין מדריגה אין בטחון**, און ער האָט מחליט געווען אַז "איך דאַרף נישט דאָס געלט, דער אויבערשטער גייט מיך העלפן אָן דעם"...

ער האָט אָבער געוואָלט אַז דאָס געלט זאל אָנקומען צו אַ איד און אויך אַז קיינער זאָל נישט וויסן אַז ער האָט דאָס אַמאָל געהאַט און ער האָט מוותר געווען דערויף. דעריבער איז ער צוריקגעגאַנגען צו דעם גוי'אישן קינד און ער האָט אים געזאָגט אַז ער האָט חרטה און ער דאַרף צוריק זיינע פינף מטבעות, אָבער ער האָט געזאָגט פאַר'ן קינד אַז ער זאָל גיין דאָרט און דאָרט וואו עס וואוינט אַ איד, און יענער גייט זיכער מסכים זיין דאָס אָפּצוקויפן...

וכך הוה, דאָס קינד איז געגאַנגען צו יענעם איד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און ער האָט אים פאַרקויפט דעם כלי מיט גאָלדענע רענדלעך. דער איד איז טאַקע נתעשר געוואָרן און איז געבליבן מיט אַ געוואַלדיגע עשירות פאר זיך און פאר זיינע קינדער און קינד'ס קינדער.

ס'כאַפּט אַ פּחד ווען מ'איז זיך מתבונן וויאַזוי דער צדיק האָט געלעבט **מיט אַזאַ שטאַרקע בטחון אַז ער האָט פּשוט מורא געהאַט דאָס צו פאַרלירן!** ער האָט געשפּירט אַז דאָס געלט וועט אים אַביסל שטערן פון זיין בטחון, **זיין לב נשבר וועט שוין נישט זיין די זעלבע מדריגה ווי אָן דאָס געלט**, דעריבער האָט ער דאָס גענצליך אַוועקגעגעבן און מוותר געווען אויף דעם גאַנצן עשירות.

## דער שלעכטער חלום פונעם חפץ חיים...

עס ווערט פאַרציילט אויפ'ן **חפץ חיים** זצ"ל אַז ער האָט אַמאָל געמאַכט אַ 'תענית חלום', צוליב אַ שלעכטער חלום, און ווען מ'האָט אים געפרעגט וואָס איז געווען דער חלום, האָט ער פאַרציילט אַז ער האָט גע'חלומ'ט אַז ער איז געוואָרן אַן עושר.

ווען די בני בית האָבן זיך געוואונדערט: אויף דעם דאַרף מען פאַסטן?! האָט דער חפץ חיים זיי געזאָגט: ממה נפשך, אויב איז דאָס געווען אַן אמת'ער חלום, **דאַרף איך דאָך פאסטן צו מבטל זיין די גזירה אַז איך זאָל ווערן אַן עושר.** און אויב ס'איז נישט קיין אמת'ער חלום, איז דאָס געקומען וויבאַלד כ'האָב געטראַכט אַזעלכע מחשבות בייטאָג, **דאַרף איך הערשט פאסטן פאַרוואָס איך האָב געטראַכט אַזאַ זאַך...**

דער חפץ חיים האָט באַמערקט אַז אויב אַ מענטש האָט אַזעלכע סאָרט מחשבות, אַז טאָמער איך גיי האָבן געלט וועל איך ווערן מסודר, איז דאָס אַ סתירה מיט'ן זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת.

די ערליכע אידן האָבן געהאַט אַ פּחד פון עשירות, ווייל **זיי האָבן געשפּירט אַזאַ געוואַלדיגע תענוג פון זיין אָנגעוויזן אויפ'ן רבוש"ע!** זיי האָבן מרגיש געווען אַ טיפע קשר מיט'ן אויבערשטן וואָס קומט אַרויס פון אַ לב נשבר, און **זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט פאַרלירן!** אַזאַ מעשה איז זייער ווייט פון אונזער

מדריגה, אָבער מ'דאַרף עס וויסן כדי צו פאַרשטיין די מהות פון אַ בעל בטחון וואָס שפּירט באמת אַז **"איך וויל בעסער האָבן דעם לב נשבר ווי דאָס געלט"!**

### דאָס געשריי: געלט, פע!

מ'פאַרציילט אַז ווען הרה"ק **מקאָצק** זצ"ל איז אַמאָל געווען ביי זיין רבי אין פּרשיסחא, האָט ער דאָרט געליטן פון אַ שטאַרקע דחקות. דערווייל האָט מען געהערט אַז די באַוואוסטע גביר'נטע תמר'ל פון וואַרשא וועט קומען קיין פּרשיסחא, און זי פלעגט אַסאַך אויסהאַלטן און שטיצן תלמידי חכמים און ערליכע אידן. האָט הרה"ק רבי **שרגא פייוויל פון גריצא** זצ"ל געזאָגט פאַר'ן קאָצקער רבי'ן אַז בקרוב וועט קומען די גביר'נטע תמר'ל און זי וועט ברענגען געלט.

ווען דער קאָצקער האָט געהערט דאָס וואָרט געלט, האָט ער זיך אָנגערופן: **"געלט? פע!"** און רבי שרגא פייוויל האָט שפּעטער דערציילט אַז **ער האָט דעמאָלט באַקומען אַזאַ עקל צו געלט** אַז לאַנגע וואָכן נאָכדעם, ווען ער האָט נאָר געהערט רעדן וועגן געלט, **האָט ער אָנגעהויבן ברעכן...**

### די מיאוס פון צדיקים צו געלט

ווען מיר הערן אַזעלכע מעשיות קענען מיר זיך אפילו נישט מתחבר זיין דערצו, ס'הערט זיך ווי אַ ווערטל און מ'גייט ווייטער. אָבער לאָמיר פּרובירן פאַרשטיין וואָס איז די עומק דערפון: **פאַרוואָס האָבן די צדיקים געהאַט אַזאַ מיאוס פון געלט?** מ'קען דאָך מיט געלט בויען בתי מדרשים, ישיבות און מוסדות התורה?! מ'קען מיט געלט העלפן עניים ואביונים, קויפן אן אתרוג מיט א לולב, און אויפטון אַזויפיל גוטע זאַכן? וואָס איז געשען אַז געלט איז עפּעס אַזאַ מין געפערליכע זאַך?!

די תשובה איז, אַז די צדיקים האָבן געשפּירט אַז **עפּעס פּאַסירט אינעם האַרץ ווען דער מענטש דערזעט זיך מיט געלט.** אין דער סעקונדע וואָס ער האָט געלט אין זיין באַזיץ **ווערט זיין האַרץ פאַרמאַכט פון דעם קשר מיט'ן רבוש"ע!**

ווען אַ איד שפּירט זיך פאַרזיכערט צוליב זיין געלט איז דאָס אַזויווי ער זאָגט פאַר'ן רבוש"ע: "איך דאַרף גיין, כ'וועל שפּעטער צוריקקומען, מ'וועט זיך נאָך טרעפן אי"ה"... די צדיקים האָבן דאָס מרגיש געווען און דערפאַר האָבן זיי אַזוי ממאס געווען דאָס געלט. זיי זענען געווען אמת'דיגע 'שונאי בצע', זיי האָבן געהאַט אַ שנאה צו געלט, ווייל **געלט איז אַזאַ סאָרט זאַך וואָס מאַכט אַ כיסוי אויפ'ן האַרץ** אַז מ'זאָל נישט שפּירן אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן.

# קביעת עתים לתורה

## חזקו ויאמץ לבבכם;

ניעשט ווערן צעקלאַפּט פון מניעות ווייל דאָס איז דער וועג

שיעור ח' - יום חמישי פרשת תרומה ו' אד"א תשפ"ד

חלק ב

א

# 'יבטח' שמסייעין אותו; אַ קלאָרע בטחון אַז השי"ת גייט זיכער העלפן פון די אַלע מניעות

### מ'דאַרף מגדיר זיין די צוויי סוגיות מיט אַ קלאָרקייט

מ'האָט אָנגעהויבן דעם שמועס מיט דער שאלה פון אַ יונגערמאַן וועלכער דערציילט אַז יעדעס מאָל וואָס ער וויל אָנהויבן אַ פעסטע קביעות עתים קומט אים אונטער אַזויפיל שוועריגקייטן. לאָמיר דעריבער לערנען די סוגיא מיט אַביסל מער הבנה, צו פאַרשטיין וויאַזוי די זאַך פון 'מניעות' אַרבעט צוזאַמען מיט דעם כלל פון 'הבא ליטהר'.

יעדעס מאָל ווען מיר האָבן צוויי מאמרי חז"ל, אָדער צוויי סוגיות אין עבודת ה', איז זייער וויכטיג צו וויסן די פונקטליכע הגדרה פוןביידע. אין וועלכע מסכת באַלאַנגט דאָס, בבא קמא אָדער בבא מציעא? צו וועלכע חלק אין שלחן ערוך געהערט דאָס, אורח חיים אָדער חושן משפט?

מיר האָבן דאָ צוויי סוגיות אין עבודת ה'. ערשטנס, דער כלל פון 'מניעות'. צווייטנס, דער כלל פון 'הבא לטהר מסייעין אותו', יעצט אַז מ'וויל עס אַביסל בעסער פאַרשטיין דאַרף מען פּרובירן צו לערנען יעדע פון די ביידע סוגיות באַזונדער, און נאָכדעם וועלן מיר זען וויאַזוי די צוויי זאַכן אַרבעטן צוזאַמען.

### 'הבא לטהר מסייעין אותו' איז פון די יסודות אין בטחון

אַז מ'קוקט אַריין אין די ספרים הק' זעט מען אַז די סוגיא פון 'הבא לטהר מסייעין אותו' געהערט צו דער מסכת פון בטחון. ס'איז איינס פון די יסודות אין בטחון, ווי מ'זעט דאָס אין **של"ה הק'**, (עשרה הילולים סימן ד') אַז ווען ער ברענגט דעם מאמר חז"ל לייגט ער צו אַ וואָרט: **הבא ליטהר 'יבטח' שהקב"ה יסייענו** - אַז איד דאַרף גלייבן און זיך בוטח זיין אַז איך האָב זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן און השי"ת גייט מיך העלפן.

ווען אַ מענטש איז בוחר בטוב, און ס'קומט אים אַריין ספיקות אין קאָפּ "וויאַזוי גיי איך קענען גיין ווייטער?" איז יעצט זיין עבודה צו האָבן בטחון. צוזאַמען מיט דעם 'בא ליטהר' דאַרף ער האָבן בטחון: "עס שטייט אין די תורה אַז דער אויבערשטער גייט מיך העלפן".

### געטרויען כביכול דעם רבוש"ע אַז ער גייט אויספירן זיין הבטחה

די הסבר פאַרוואָס 'הבא ליטהר' איז אַ חלק פון בטחון, איז ווי דער חובת הלבבות איז מבאר אין דעם ערשטן פּרק פון שער הבטחון, אַז די טייטש פון דאָס וואָרט בטחון איז: **ווען דער רבוש"ע איז דיך עפּעס מבטיח, זאָלסטו אים גלייבן אַז ער וועט דאָס מקיים זיין.**

דאָס איז די אלף בית פון בטחון: **דער איד זאָל האָבן 'טראָסט' אַז ווען דער רבוש"ע האָט אים עפּעס קלאָר געזאָגט, גייט ער דאָס מקיים זיין!** אויב דער אויבערשטער האָט געזאָגט: 'נותן לחם לכל בשר', זאָלסטו אים געטרויען אַז ס'גייט דיך נישט פעלן קיין שפּייז.

### בטחון אויף עפּעס וואָס מ'האָט נישט קיין הבטחה

(בדרך אגב, דאָ קומט טאַקע אַריין די הבנה, אַז ביי אַ זאַך וואו דער אויבערשטער האָט דיך קיינמאָל נישט מבטיח געווען אַז ס'גייט אַזוי זיין, איז נישט אַלעמאָל שייך דער אופן פון בטחון, ווייל וויאַזוי האָסטו בטחון אַז ס'גייט אַזוי זיין? אפשר נישט?

דער חובת הלבבות לייגט טאַקע צו דאָרט אַז ס'איז דאָ נאָך אַ סאָרט בטחון, ווען דער מענטש איז זיך בוטח אַז דער רבוש"ע גייט אים אַלעמאָל מטיב זיין, ווייל אויף דעם איז דאך טאַקע דאָ אַ פּסוק: 'טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו', ואכמ"ל.)

### אַז ס'איז דאָ אן הבטחה פון 'הבא ליטהר' בין איך רואיג

אָבער אַלענפאַלס, די פּשוט'ע אָפּטייטש פון בטחון איז, אַז איך גלייב ווען דער רבוש"ע איז מיך עפּעס מבטיח, אַז ער גייט דאָס מקיים זיין. אפילו ווען כ'זעה נישט פונקטליך יעצט אויף די מינוט וויאַזוי דאָס גייט זיין, אָבער **איך ווייס אַז אויב השי"ת האָט אַזוי געזאָגט וועט ער דאָס טון**, איך האָב נישט קיין ספק דערינען אפילו אויף א סעקונדע.

אַצינד, אויב דער אויבערשטער איז אונז מבטיח אַז 'הבא לטהר' וועט ער אים העלפן, און אַ איד זעט דעם מאמר חז"ל, זאָגט דער מענטש: איך גלייב דעם רבוש"ע! **איך האָב הונדערט פּראָצענט טראָסט אַז אויב איך גיי אָנהויבן, גייט דערנאָך קומען עפּעס אן עזר מלמעלה,** און דערפאַר האָב איך די שטאַרקייט אָנצוהויבן!

### טו וויפיל דו קענסט און האָב בטחון אויף דאָס איבריגע

אַ איד טרעפט זיך אַז ס'האָט אים באַטראָפן אַ פּראָבלעם אין שטוב און ער זעט נישט אַז ער זאָל קענען קובע עתים זיין לתורה, ווייל ער מוז יעצט זיין אינדערהיים. פון איין זייט האָט ער דאָך אַ חיוב צו

מאַכן אַ קביעות עתים אָבער פון די צווייטע זייט קען ער זיך נישט מתעלם זיין פון דעם מצב. ער קען נישט אַוועקגיין פון שטוב.

אָבער דער בעל בטחון זאָגט אַזוי: **איך גיי זיין אַ 'בא לטהר'! דאָס קען איך יאָ טון!** פרעגט מען אים: אָבער וואָס גייט עס דיך העלפן? דינסטאָג האָסטו טאַקע געקענט אַרויסגיין פון שטוב צום לערנען, אָבער דו ווייסט דאך וואָס פּאַסירט זונטאָג, מאָנטאָג און מיטוואָך?

זאָגט דער מענטש: **איך האָב הונדערט פּראָצענט טראָסט אין דעם רבוש"ע.** טאָמער איך וועל זיין אַ בא לטהר וועט פון הימל נתעורר ווערן אן 'אתערותא דלעילא' און זאַכן גייען זיך אָנהויבן רוקן אויף אַן אופן וואָס יעצט האָב איך נישט קיין פּלאַן וויאַזוי דאָס גייט געשען. כ'קען זיך טאַקע נישט פארשטעלן וואָס ס'גייט אַלץ געשען, ווייל ס'איז אַ הימלישע זאַך!

## מיר קענען נישט וויסן 'וויאַזוי' די ישועה וועט קומען

ווען אַ מענטש הייבט אויף אַ טעלעפאָן פאר אַ דבר מצוה, צו העלפן אַ צווייטן איד, און ער מיינט אַז ער ווייסט וויאַזוי די מעשה גייט זיך ענדיגן, איז דאָס אַ געוואַלדיגער טעות. **דו קענסט גאָרנישט מאַכן אַליין!**

דאָס זעלבע זאַך איז, ווען אַ מענטש עפּענט אַ ספר און ער פאַרשטייט נישט וויאַזוי צו לערנען, ער טראַכט אַז ער קען זיך מצייר זיין וויאַזוי ער גייט געהאָלפן ווערן, אָבער **באמת קענסטו זיך נישט מצייר זיין וויאַזוי השי"ת גייט דיך עפּענען די אויגן צו פאַרשטיין תורה.** אַ איד דאַרף אַלעמאָל זאָגן: "איך וועל אָנהויבן און דער רבוש"ע גייט מיך העלפן, ווייל ער האָט מבטיח געווען אַז ער גייט העלפן פאַר יעדן איד וואָס הייבט אן".

אַזוי איז עס אויך לגבי דעם מאמר חז"ל פון 'כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול דרך ארץ'. דער מענטש זאָגט אַזוי: "איך כאַפּ נישט וויאַזוי די זאַך אַרבעט, אָבער איך בין בטוח אַז אַזוי גייט דער אויבערשטער טון!".

## סבלנות איז פון די יסודות אין בטחון

ווען אַ איד זעט נישט בכלל אַז דער רבוש"ע העלפט אים, הערשט דעמאָלט איז די זמן פון בטחון, ואמונתך בלילות. דער איד איז זיך מחזק, ס'וועט קומען אַ ישועה! **איך ווייס נישט 'וויאַזוי' און 'דורך וועלכע צורה', אָבער דער רבוש"ע פאַרלאָזט נישט.** אַ איד ווערט נישט נתפעל פון דעם חושך, און הגם ער זעט דעם חשכות זייער קלאָר כאַפּט ער נישט קיין התפעלות, ווייל **איך דאַרף נישט קענען פאַרשטיין וויאַזוי די ישועה גייט קומען.** און איך דאַרף נישט אַז ס'זאָל זיין יעצט אויף דער מינוט...

איינס פון די גרויסע יסודות אין בטחון איז טאַקע די זאַך פון סבלנות. טאָמער אַ מענטש זאָגט: "איך דאַרף אַז ס'זאָל זיין ממש יעצט, ווייל איך בין באַגרעניצט אין צייט, איך בין אין אַ לחץ, איך וויל שוין זען אַז די ישועה איז דא". **קומט דאָס בלויז אויב עס פעלט פון דעם 'טראָסט' אין דעם אויבערשטן.**

אַ איד וואָס האָט די ריכטיגע אמונה זאָגט: **איך ווייס אַז דער רבוש"ע איז נישט באַגרעניצט צו צייט!** ווען ער העלפט דאַרף עס נישט זיין יעצט אויף דער מינוט! כ'דאַרף נישט קענען שוין די רגע אָנכאַפּן די ישועה כדי צו זיין זיכער אַז כ'גיי עס האָבן. **די ישועה קען אויך קומען אין דער לעצטער סעקונדע!**

## דער חילוק צווישן אַ קאָמערציאַלער פליגער און אַ פּריוואַטער פליגער

מ'זאָגט נאָך פון צדיקים פאַרוואָס אַלעמאָל העלפט דער אויבערשטער דוקא אין דער לעצטער מינוט. דאָס איז וויבאַלד דער מענטש איז אַ מוגבל, ער דאַרף זען די ישועה אַביסל בעפאָר די לעצטע מינוט, ווייל ער וויל זיין זיכער אַז ער האָט עס שוין אין זיין באַזיץ... אָבער דער רבוש"ע איז נישט מוגבל אין זמן, דעריבער דאַרף ער נישט ברענגען די ישועה אפילו אַ מינוט פאר די ריכטיגע זמן. **ואתה נותן להם את אכלם בעתו.** דער רבוש"ע ברענגט יעדע זאַך אין זיין באַשטימטע צייט.

ווען אַ מענטש דאַרף פאָרן מיט אַ פליגער וואָס באַלאַנגט פאר אַ גרויסע עראָפּלאַן פירמע, דאַרף ער זיך צושטעלן. **אויב ער קומט נישט אן אין די פּונקטליכע צייט וועט די פליגער פאָרן אָן אים...** דאַרף ער אָנקומען צוויי שעה פריער, ווייל אויב וועט ער נישט קומען גענוג פרי, וועט ער בלייבן הינטערשטעליג, מ'גייט נישט וואַרטן אויף אים.

אָבער איינער וואָס פאַרמאָגט אַ פּריוואַטער פליגער, קען ער אָנקומען די לעצטע מינוט... ער קען אפילו קומען אַ מינוט שפּעטער ווי די באַשטימטע צייט, **ווייל ס'איז זיין פליגער!** דער רבוש"ע דאַרף נישט ברענגען קיין ישועות אַפּאָר שעה פריער כדי צו פאַרזיכערן אַז ס'גייט אָנקומען.

## קבלת עול פּאַסירט נישט אין דעם ערשטן טאָג

צוריק צו אונזער נקודה: ווען אַן ערליכער איד וויל זיין אַ 'בא ליטהר' אין עבודת ה', און ער נעמט זיך צום לערנען, ווערט ער נישט נתפעל פון דעם חושך אַז צוליב דעם זאָל ער פרעגן: **וואָס טוט זיך מיט מעבירין ממנו עול דרך ארץ? כ'האָב דאך מקבל געווען עול תורה?**

ער פאַרשטייט אַז דער 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ' גייט זיין דעם ערשטן טאָג. ווייל דיין קבלת עול איז אויך נאָכנישט געווען בשלימות דעם ערשטן טאָג! די ערשטע טאָג ווען אַ מענטש הייבט אן לערנען איז ער נאָך אונטער די רושם פון זיין התלהבות, און דעריבער ווייזט דאָס נאָכנישט אויף קבלת עול.

הערשט ווען אַ מענטש מאַכט אַ קבלת עול אויף אַ יאָר ברציפות, אָה, יעצט האָט ער מקבל געווען עול תורה. און מ'מיינט לאו דוקא 'אַ גאַנצע יאָר', די נקודה איז אַז **דוקא ווען דער מענטש איז דורכגעגאַנגען אַסאַך סאָרט מצבים און ער בלייבט לערנען**, זאָל זיין אַהער זאָל זיין אַהין, **הערשט דעמאָלט ווערט נתברר** אַז ער האָט באמת מקבל געווען דעם עול תורה.

## בלויז נאָכ'ן דורכגיין אַלע סאָרט מצבים איז דאָ אַ 'קבלת עול'

מ'קען נישט וויסן אויף אַ מענטש אויב ער איז אַן ערליכער איד ווילאַנג ער איז נישט דורכגעגאַנגען אַסאַך סאָרט מצבים, ווייל וויאַזוי ווייסטו וואָס גייט זיין? **ס'קען דאָך זיין אַז ער וועט כאַפּן איין קליינע קוועטש און ער וועט זיך אינגאַנצן פאַרלירן...** אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן יעדע סעקונדע אַזויפיל סייעתא דשמיא, ווי **חז"ל** זאָגן אויף יוחנן כהן גדול, שימש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף נעשה צדוקי.

ס'איז קלאָר אַז **אויב ביסטו נאָכנישט אדורך אַלע סאָרט אינטערעסאַנטע מצבים, קען מען נאָכנישט וויסן אויב דו האסט באמת מקבל געווען אן עול.** אָבער אויך במשך די צייט האָט דער ערליכער איד אַ קלאָרע טראָסט אין דעם רבוש"ע: **אויב איך גיי זיך נאָכאַמאָל אויפהייבן און נאָכאַמאָל ממשיך זיין און נאָכאַמאָל פרובירן נישט אַראָפּגעפאַלן צו ווערן, בין איך בטוח אַז איין טאָג גייט זיין 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ', ווייל כ'האָב טראָסט אין דעם רבוש"ע אַז הבא ליטהר מסייעין אותו.**

## נס להתנוסס; די סבלנות הייבט אויף דעם מענטש

ס'איז זייער וויכטיג צו כאַפּן דעם יסוד אַז די סוגיא פון מניעות באַלאַנגט צו דער סוגיא פון בטחון, ווייל אַז מען דערהערט דאָס, דעמאָלט פאַרשטייט מען אַז **מ'דאַרף האָבן בטחון אפילו אויב דו זעהסט נישט וויאַזוי ס'פּאַסירט גלייך, און אפילו עס געדויערט אַסאַך צייט.**

אַ בר דעת פאַרשטייט אַז כדי ס'זאָל קומען די 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ', דאַרף עס נאָך געדויערן אַסאַך צייט, ווייל צוערשט דאַרף זיין אַן אמת'ע 'המקבל עליו עול תורה'. ס'איז אודאי זייער חשוב דער אָנהויב אָבער ס'איז נאָכנישט קיין ריכטיגער קבלת עול. דערפאַר זאָגט דער **רמב"ן** אַז 'נסיון' איז אַ לשון פון 'נס להתנוסס', **ווען דער רבוש"ע איז מנסה דעם מענטש הייבט ער אים אויף**, ווייל דעמאָלט ווערט נתברר אַז ער האָט טאַקע באמת מקבל געווען דעם עול התורה.

ב

# לקרב ולא לרחק; השי"ת איז קיינמאָל נישט מרחק קיין שום איד

## נישטאָ אַזאַ מושג אַז דער רבוש"ע זאל מרחק זיין

ביז אַהער איז געווען דער שמועס איבער דער ערשטער סוגיא פון 'הבא לטהר מסייעין אותו'. אַצינד לאָמיר אַביסל לערנען די צווייטע סוגיא פון 'מניעות'. פאַרוואָס איז טאַקע אַזוי אַז ווען אַ מענטש וויל זיך נעמען צו עבודת ה' איז דאָ אַזויפיל מניעות, און וואָס דאַרף אַ איד טראַכטן בשעת ער זעט די אַלע מניעות?!

די ערשטע יסוד וואָס אַ איד דאַרף אַלעמאָל וויסן און געדענקן איז, אַז **דער רבוש"ע איז אים נישט מרחק.** אין ספר **זאת זכרון** (פרשת תצוה) איז דאָ אַ

לשון פון דעם רבי'ן פון לובלין זי"ע, וועלכער דרוקט זיך אויס בלש"ק: **כי הקב"ה רוצה מאוד לקרב ולא להרחיק.**

ס'איז נישטאָ אַזאַ מושג אַז דער אויבערשטער זאל מרחק זיין אַ איד. אַסאַך מאָל טראַכט דער מענטש: **וואָס האָב איך סך הכל געוואָלט?!** כ'האָב געוואָלט טון גוטס, כ'האָב געוואָלט זיך לייגן פרי כדי איך זאָל קענען אויפשטיין צום לערנען און דאַווענען. זעהט אויס אַז דער אויבערשטער וויל נישט מיין עבודה... קוק וואָס איז געשען... אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעוועקט, ס'איז געווען גאַנצע מעשיות די נאַכט... מסתמא וויל דער אויבערשטער נישט האָבן מיין עבודה.

## שאין רוצים מן השמים לרחק שום יהודי!

דאָס איז איינס פון די גרעסטע טעותים אין דער סוגיא פון מניעות, אַז דער מענטש שפירט אַ ריחוק. דאָס איז אַ מורא'דיגער טעות! הרה"ק רבי **העניך פון אלכסנדר** זי"ע זאָגט אין זיין ספר חשבה לטובה (עמו' קכד): **'צריך התחזקות לידע, שאין רוצים מן השמים לרחק שום יהודי! ומהיכי תיתי? הלא הם בני אברהם יצחק ויעקב ורוצים לקרבם'.**

אַ מענטש דארף זיך מחזק זיין מיט דער ידיעה ברורה אַז **מען וויל נישט פון הימל מרחק זיין קיין שום איד.** איי, ער זעט אַז ער איז אַזוי אַראָפּגעפאַלן און ער האָט אַזויפיל מניעות?! זאָל ער וויסן אַז **דאָס איז בלויז אַ נסיון.** דער רבוש"ע וויל אַז דער איד זאל דורכדעם צוקומען צו אַסאַך העכערע מדריגות.

## די מניעות ברענגט אַרויף צו העכערע מדריגות

דער **שם משמואל** (חיי שרה תרע"א) שרייבט אַ לשון: **"המניעות שיש לו לאדם אינן חסרון ח"ו, רק אדרבה מעלה גדולה הן, כי על ידי המניעות שיש לאדם והוא משליך אותן אחרי גיוו ואינו משגיח עליהן, הוא בא על ידי זה לקדושה בדרגין גבוהין".** - די מניעות זענען אַ גרויסע מעלה, ווייל דאָס ברענגט דעם מענטש אַזוי הויך, צו זיין נאָענט צום רבוש"ע מיט הויכע דרגות פון קדושה.

דאָס איז די ערשטע מחשבה וואָס אַ מענטש דארף אַלעמאָל געדענקן און טראַכטן, אַז פון הימל איז מען דיך נישט מרחיק! **די סיבה פאַרוואָס מ'האָט דיך צוגעשטעלט די נסיונות איז צוליב אַן אַנדערע סיבה, אָבער ס'איז זיכער נישט קיין שום ריחוק!** אויב דו וועסט דורכגיין די אַלע מניעות וועסטו זוכה זיין אָנצוקומען אויף זייער אַ הויכע פלאַץ, וואו **דו וואָלסט קיינמאָל נישט געקענט אָנקומען אָן דורכגיין די שווערע מניעות!**

ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין מניעות, וואָלסטו קיינמאָל נישט געקענט אָנקומען צו וואו דו ביסט אָנגעקומען, **ווייל דו וואָלסט קיינמאָל נישט אַרויסגעברענגט די כוחות הנפש**, די כוחות הנשמה, און דער ביטול צום רבוש"ע מיט די פּאַרווייַנטע תפלות צום אויבערשטן. אויב וואָלסטו נישט געהאַט די מניעות וואָלסטו נישט געקענט שטייגן און אָנקומען.

## די עקידה איז געבליבן אַ זכות לדורות, אַדאַנק די מניעות

ס'איז דאָ אַ באַקאַנטער לשון פון הרה"ק רבי ר' **מענדעלע רימנוב'ער** זי"ע אין ספר **ילקוט מנחם**, וואו ער איז מאריך בלשונו הקי' אַז ס'איז ידוע פון אַלע ספרים און מדרשים **די גרויסע מניעות וואָס אברהם אבינו האָט געהאַט בשעת די עקידה**, ער האָט געהאַט אַלע סאָרט מניעות וואָס מ'קען נאר האָבן אויף דער וועלט.

רבי ר' **מענדעלע** זי"ע זאָגט אַז נישט אומזינסט שטייט די מצוה אויף אַלע דורות אייביג, **אין זכות פון דער עקידה ווערן מיר געראַטעוועט פון אַלע מיני פורעניות**, און יעדעס יאָר איז מען מכפר אונזערע עבירות בזכותה, בלויז וויבאַלד ס'איז אָנגעקומען מיט שווערע מניעות!

אַ מצוות עקידה וואָס וואָלט געטון געוואָרן אָן די אַלע מניעות, וואָלט נישט געהאַט דעם גרויסן כח ביז'ן היינטיגן טאָג. מיר זאָגן דאך די **פרשת עקידה יעדן איינציגן טאָג**; יעדן **ראש השנה** דערמאַנט מען די עקידה, בפרט ביי די זכרונות פון מוסף, וואו די גאַנצע ברכה איז געבויעט אויף דעם **'וזכר לנו עקידה שעקד אברהם אבינו את יצחק בנו על גבי המזבח'**; ביי יעדן **סליחות** דערמאַנט מען דעם זכות פון דער עקידה; שוין אָפּגערעדט אין די סליחות פון די **עשרת ימי תשובה.** דאָס איז אַלס ווייל ס'איז געטון געוואָרן מיט אַזויפיל מניעות!

## דער שטן אַלס פרומער צו שטערן אברהם אבינו

רבי ר' מענדעלע שרייבט אין ילקוט מנחם אַז דער שטן האָט געטון אַלע תחבולות אויף דער וועלט צו אָפּהאַלטן אברהם אבינו, און נאָך זיין יגיעה וטרחא, ווען ער האָט געזען אַז אברהם אבינו מאַכט זיך נישט וויסנדיג פון די אַלע זאַכן, האָט דער שטן זיך שטאַרק אויפגערעגט, און ער האָט געמאַכט אַ נייע בחינה וויאַזוי אים צו אַראָפּוואַרפן.

דער יצר הרע איז געקומען צו אברהם אין אַ צורה פון אַן 'איש כשר וצדיק הולך כנגדו', און ער האָט אים געגעבן שלום מיט אַ געוואַלדיגע אהבה כראוי וכנכון. ס'האָט אויסגעקוקט ווי אַזאַ 'פריסת שלום' צווישן צוויי חשוב'ע אידן. און דער שטן פרעגט אים: וואו גייט דער רבי?! האָט אברהם אבינו געזאָגט: **"אני הולך לעשות רצון בוראי שצוה לי לשחוט את בני יחידי".** וואָס האָט דער יצר הרע געענטפערט?! "אשריך אברהם שאתה הולך לעשות רצון קונך, לך בשלום ובשמחה"...

שוין, ברוך ה', אברהם אבינו האָט אָנגעהויבן גיין ווייטער. אָבער דעמאָלט האָט יענער חשוב'ער מענטש אים געגעבן אַ זאָג: **איך האָב אייך נאר געוואָלט פרעגן, פון וואו ווייסט איר אַז דאָס איז דער רצון ה' צו שעכטן דאָס קינד?! אפשר איז דאָס נישט דער רצון ה'?!**

האָט אברהם אבינו געזאָגט: **וואָס הייסט? איך האָב עס אַליין געהערט פון השי"ת. 'בעצמי שמעתי מפי הקב"ה קח את בנך'!** האָט אים יענער מענטש נאָכאַמאָל געזאָגט: אָהָ! אשריך! דו ביסט זיכער גאָר אַ גרויסער מענטש ווייל דו האסט זוכה געווען צו אַזאַ דבר גדול וואָס קיין שום מענטש האָט נישט געהערט פון דעם רבוש"ע אַליין!

אָבער - זאָגט אים דער יצר הרע - כ'וויל דיר נאר זאָגן, אַז כ'האָב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס, אַז נישט יעדער איז זוכה צו הערן מפי הקב"ה בכבודו ובעצמו. און אפילו אויב אַ מענטש הערט יאָ, זאָל ער זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, ווייל אפשר איז דאָס חס ושלום פון דער אַנדערער צד.

בלויז אַזאַ איינער וואָס ווייסט אַז ער האָט מתקן געווען אַלע זיינע חטאים, בפרט חטאות נעורים, און ער האָט נישט קיין שום חטא, ווי אַ מלאך, ער קען זיין בטוח אַז וואָס ער האָט געהערט איז פון דעם אויבערשטן בעצמו. אָבער ווער ס'האָט אַ ספק, איז חלילה צו זיך רעכענען מיט אַזאַ דיבור. מ'קען נישט וויסן פון וואו דו האסט געהערט דעם דיבור...

## אברהם וואַרפט אַוועק אַלע בלבולי היצר

ווען אברהם אבינו האָט דאָס געהערט, האָט ער מיט זיין גרויס עניוות אָנגעהויבן חושש זיין. ער האָט דאָך געהאַלטן אַז ער איז נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן און ערליך, דעריבער **האָט אים די תחבולה אינגאַנצן צערידערט.** ס'האָט אים כמעט מבטל געווען פון זיין זריזות און שמחה. אָבער תיכף ומיד האָט ער זיך מחזק געווען: **דער רבוש"ע האָט מיך געהייסן טון די זאַך און דער מענטש פאַרדרייט מיך דאָ אַ קאָפּ אַהער און אַהין...** און אברהם אבינו האָט ווייטער אָנגעהויבן לויפן מקיים זיין דעם רצון ה' מיט אַ שמחה.

רבי ר' **מענדלע** זי"ע טייטשט דערמיט דעם פסוק **ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור.** אברהם אבינו האָט געזאָגט פאַר די חטאות נעורים: **איר זאָלט דאָ זיצן מיט די חומריות, מיך גייט גאָרנישט אָן!** איך גיי טון וואָס דער רבוש"ע האָט מיך געהייסן. איך לאָז אָפּ די אַלע בלבולים און איך פאָלג דעם רצון ה'!

## אודאי גייט זיין גרויסע מניעות!

פון די הייליגע ווערטער זעען מיר וואָס פאַראַ סאָרט בלבולים ס'קומט אונטער ווען מ'גייט טון אַ דבר שבקדושה. און אַ איד דארף טאַקע געדענקן אַז **אויב דו וועסט נישט האָבן די מניעות וועסטו נישט האָבן אַזעלכע גרויסע זכותים**, אַזוי ווי דער זכות פון דער עקידה איז געקומען בלויז אַדאַנק די מניעות.

ווען אַ מענטש איז מחליט אַז ער גייט זיך זעצן לערנען יעדן טאָג געשמאַק, צוויי שעה ברציפות איידער ער גייט צו דער אַרבעט; צי פאַר'ן דאַווענען צי גלייך נאָכ'ן דאַווענען. ער גייט אָנהויבן זיין טאָג מיט אַ פרישקייט, אַ וואַרימע ברכת השחר, עטליכע קאַפּיטלעך תהלים, אַ הרהור תשובה, און דערנאָך צוויי שעה לערנען בחברותא אויפ'ן קול... **ס'איז דאך נישטאָ קיין גבול פאר דעם תענוג, פאר די שמחה, פאר די קדושה, פאר די 'מגנא ומצלא' וואָס גייט פאַסירן צו אַזאַ איד.**

איז וואָס טראַכסטו?! אַז דו גייסט זיך געבן אַ טויש פון איין טאָג צום צווייטן און קיינער גייט דיך גאָרנישט זאָגן?! **ס'גייט הונדערט פּראָצענט זיין גרויסע מניעות!** אָבער נישט סתם מניעות, נאר די סאָרט מניעות פון וואָס ר"ר מענדעלע רימנוב'ער רעדט! מיר האָבן אַצינד געלערנט אַ נייע באַגריף: "רבי ר' מענדעלע רימנוב'ער מניעות"!

דו גייסט זיכער באַקומען אַזעלכע סאָרט מניעות, **אָבער זאָלסט וויסן אַז אויב דו גייסט זיך נישט אָפּשטעלן גייט זיין מסייעין אותו!** און ווי דערמאַנט דאַרף מען געדענקן אַז אויב ס'וואָלט נישט געווען די מניעות, וואָלסטו קיינמאָל נישט געקענט אָנקומען דאָרט וואו דו דאַרפסט אָנקומען. עס מוז זיין דער חלק פון מניעות כדי דו זאָלסט קענען שטייגן און דערגרייכן צו אַ הויכע פלאַץ פון קרבת ה'.

# למען ענותך לנסותך להטיבך; אונטער יעדע מניעה איז באַהאַלטן דער אלופו של עולם

## ס'איז דאָ אַסאַך סיבות פאַרוואָס די מניעות קומען

די סיבה פאַרוואָס ס'דאַרף טאַקע אַזוי זיין, אַז דער מענטש זאל האָבן שטאַרקע מניעות איידער יעדע דבר שבקדושה, האָט מען דערמאַנט איין טעם: **וויבאַלד דאָס שלעפּט אַרויס פון דעם מענטש אַ גאָר שטאַרקע יגיעת הנפש**, און דערפאַר הייבט אים דאָס אויף, ס'איז אַ מורא'דיגע מעלה און הטבה פאַר'ן מענטש.

נאָך אַ סיבה האָט מען דערמאַנט אַז די סטרא אחרא ברענגט די מניעות, **ווייל דו שטופּסט אים דאָך אַרויס פון זיין שטח**; דו פאַרטרייבסט אים פון דיין האַרץ וואו ער שפּירט זיך בעה"ב, און פון דעם פּלאַץ אין דער וועלט וואו ער שפּירט זיך בעה"ב.

דערפאַר, ווען אַ איד הייבט אים אָן פאַרטרייבן, לאָזט עס דער יצר הרע נישט צו. אַזוי האָט דער רבוש"ע באַשאַפן די וועלט, 'יוצר אור ובורא חושך', ער האָט באַשאַפן אַ יצר וואָס האָט אַ כח זיך מתנגד צו זיין.

## דער רבוש"ע שטייט אונטער אַלע מניעות

אָבער אַ איד דאַרף געדענקן וואָס דער הייליגער **תולדות** ברענגט כמה פעמים פונעם **בעש"ט הק'** אויפ'ן פסוק '**אמר אויב ארדוף אשיג אחלק**', אַז די פינף ווערטער הייבן זיך אָן מיט אלף, צו מרמז זיין אַז אויך דאָרט געפינט זיך דער אלופו של עולם. דאָס הייסט אַז באמת איז די גאַנצע מעשה אַן **אחיזת עינים!**

דער יצר הרע איז אַזויווי דער 'שר לעניני מניעות', **ס'ליגט אונטער זיין אחריות צוצושטעלן מניעות פאר יעדן וואָס וויל טון אַ דבר שבקדושה.** דאָס איז זיין תפקיד און ער גיבט זיך אפּ מיט די אַלע מענטשן וואָס דאַרפן האָבן מניעות, ער מאַכט די מניעות און ס'קוקט אויס ווי אַ שרעקעדיגער בער... **אָבער דער בעש"ט הק' האָט אונז אויסגעלערנט אַז ס'איז אַלעס אַן אחיזת עינים!** ס'איז בכלל נישט אַזוי שרעקעדיג ווי ס'קוקט אויס און ווי ס'שפּירט זיך.

## דאָס מציאות און די הרגשה זענען נישט אייניג

אַסאַך מאָל איז מצוי, אַז ווען אַ מענטש גייט דורך אַ געוויסע מצב, שפּירט ער אַ לחץ, אָדער אַ פּחד, אָדער אַ פאַרלוירנקייט, **אַסאַך מער פון וויפיל ס'איז דער אמת'ער מציאות.**

דאָס קען מען צומאָל זען ביי מענטשן וואָס גייען זיך העלפן און זיי פאַרציילן מעשיות אַז אַלס קינד, אָדער אַלס בחור, אין דעם יאָרגאַנג צווישן 12 און 20, זענען זיי אַריבער אַ שווערע טראָומאַ, ווייל זיין טאַטע האָט אים אַמאָל אַזוי געזאָגט, און דער משגיח האָט אים משפיל געווען, און זיין מאַמע פלעגט אים אַלעמאָל דערגיין די יאָרן.

אָבער אין פאַרשידענע פעלער, אויב מ'ווייסט דעם אמת'ן בילד, **שטעלט זיך אַרויס אַז ס'איז בכלל נישט אַזוי שרעקעדיג ווי ער מאַכט דאָס**, עד כדי כך אַז צומאָל הערט זיך עס כאילו ער פאַבריצירט מעשיות. האַלאָ, איך קען דיין טאַטע מיט דיין מאַמע, כ'הער אַז ער האָט דיך אַמאָל אַריינגעזאָגט אַ וואָרט, אָבער פון דאָרט ביז די וועג וויאַזוי דו לייגסט עס אַראָפּ, כאילו זיי זענען געווען אַזוי אכזריות'דיג... ס'איז פשוט נישט אמת...

אַסאַך מאָל איז אַ חלק פון דער תשובה דערויף, אַז **דער מענטש דערציילט נישט יעצט וואָס 'זיי' האָבן געטון, ער דערציילט וואָס 'ער' האָט געשפּירט בשעת מעשה.** צום ביישפּיל, ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע יראת הרוממות פון זיין פאָטער אַז ווען זיין טאַטע האָט בלויז געקוקט, איז ביים קינד אין האַרץ דאָס געוואָרן אויסגעטייטשט כאילו זיין טאַטע האָט אים יעצט פאַרשעמט ברבים. דאָס איז זייער מצוי, ווי **חז"ל** זאָגן שוין: **הכל לפי המבייש והמתבייש.**

## די שוועריגקייט איז בלויז אַן אחיזת עינים

על כל פּנים, ס'איז דאָ אַזאַ זאַך אַז דער מענטש שפּירט אַז עפּעס איז גאָר שווער, אָבער ס'מוז נישט זיין אַז דאָס איז דער גאַנצער אמת. זאָגט דער **בעש"ט הק'** אַז די זעלבע זאַך שפּילט זיך אָפּ ביי דעם ענין פון די מניעות וואָס דער יצר הרע שטעלט אונטער.

דער מענטש שפּירט כאילו ער שלעפּט דאָ הונדערט קילאָ אויפ'ן קאָפּ, **ער שפּירט אַז דער עיכוב איז אַזוי ריזיג אַז ער קען זיך נישט קיין עצה געבן דערמיט.** דער אמת איז אָבער אַז די מניעה איז כמעט גאָרנישט און מ'קען עס יאָ מסדר זיין. זייער אַסאַך מאָל שפּירט אַ מענטש אַז ער קען ממש זיך נישט קיין עצה געבן מיט אַ געוויסע פּראָבלעם, אָבער **נאָכדעם וואָס ער האָט דאָס דורכגעבראָכן זעט ער אַז ס'איז געווען אַזוי גרינג כחוט השערה.**

מ'קען האָבן די הרגשה ווען מ'האָט אַ שוועריגקייט אין קאָנצענטראַציע; אַ שוועריגקייט צו אויפשטיין פרי; אָדער אַ שוועריגקייט צו טוישן אַ הרגל. דער מענטש איז אַזוי צעבראָכן ביי זיך, ווייל ער האָט שוין פּרובירט אַזויפיל מאָל און ס'גייט נישט, אָבער **אין דער רגע וואָס מ'האָט אַ סייעתא דשמיא ווערט די גאַנצע שוועריגקייט פאַרשוואונדן און ער קען יאָ זיך טוישן!** מ'דאַרף דאָס פאַרשטיין אַז ווען דו שפּירסט אַז ס'איז אַזוי שווער, **זאָלסטו וויסן אַז ס'איז נישט אַזוי געפערליך**, נאר דער יצר הרע האָט אַ רשות צו מאַכן אַן 'אחיזת עינים', אַז ס'זאָל דיר אויסקוקן אויף אַזאַ סאָרט אופן.

## דער בן מלך וועלכער איז איבערגעטאנצן אַלע חומות

דער ספה"ק **דגל מחנה אפרים** (הפטרת נצבים וילך) ברענגט אַ משל באריכות פון דעם **בעש"ט הק'**, אַז אַ מלך האָט געמאַכט אַסאַך מחיצות אַרום זיך. **צווישן די אַלע מחיצות איז געוועןווילדע חיות, נחשים ועקרבים, און טייכן וואַסער, אַז מ'זאָל נישט קענען צוקומען**, און ס'זענען אַרויס די כרוזים אַז ווער ס'וועט אָנקומען צום קעניג וועט אים דער מלך געבן עושר וכבוד און ער וועט זיין אַ שר אין דעם היכל המלך.

ווער וויל דען נישט באַקומען די אַלע זאַכן?! זענען געקומען צולויפן אַסאַך מענטשן, אָבער ווען זיי האָבן געזען די ערשטע חומה, ווי דיק, הויעך און ברייט ס'איז, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן, מאַכנדיג דעם חשבון אַז ס'איז ממש נישט מעגליך.

ס'איז געווען אַזעלכע וואָס האָבן יאָ מצליח געווען צו אַריבערגיין עטליכע חומות, טראָץ די נחשים ועקרבים און טראָץ אַלע שוועריגקייטן. אָבער דאָרט זענען געשטאַנען שרים נכבדים וואָס האָבן פאַרטיילט אַסאַך געלט פאר יעדן וואָס איז אַריינגעקומען. **די מענטשן וואָס האָבן נישט אמת'דיג געוואָלט דעם קעניג האָבן זיך באַגענוגט מיט'ן געלט** און זיי זענען צוריקגעגאַנגען.

אָבער דער בן המלך, וואָס זיין האַרץ בענקט צו זיין פאָטער, ווען ער זעט די אַלע חומות ונהרות, די אַלע שרעקעדיגע סאָלדאַטן און בערן מיט לייבן, גיסט ער זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן טאַטן: "**מה זה מלך רחמן כמותך, כרחם אב על בנים, תסתיר עצמך בהסתרות כאלו**" - און ער שרייט און וויינט 'קלי קלי למה עזבתני'.

דאָס קינד פאַרשטייט אַז עפּעס ליגט דאָ באַהאַלטן און ס'איז נישט קיין אמת'ע הסתרה, און **מיט זיין צעבראָכן האַרץ איז ער זיך מוסר נפש צו איבערשפּרונגען אַלע חומות ונהרות**, און ער וואַרפט אַוועק אַלע געלט וואָס מ'וויל אים געבן אונטערוועגנס: **איך וויל נישט דאָס געלט, איך וויל דעם טאַטן!**

דעמאָלט, ווען דער מלך זעט זיינע געגועים, זיין מסירת נפש און זיין געשריי, נעמט ער אַוועק אַלע אחיזת עינים און **דאָס קינד זעט אַז ס'איז נישטאָ קיין שום חומה און קיין שום מסך המבדיל**, נאר ס'איז דאָ אַלע היכלי עונג און דער מלך זיצט על כסא מלכותו, והארץ מאירה מכבודו. עיי"ש באריכות לשונו הק'.

## ס'איז נישט אַזוי שווער ווי עס דאַכט זיך

דער משל האָט דער בעש"ט געזאָגט כדי אַז מיר זאָלן וויסן דעם אמת. אַ איד דאַרף אַלעמאָל זיך דערמאַנען: ס'איז געשען אַזאַ מניעה?! כ'בין דורכגעפאַלן?! **בסדר, איך גיי זיך נאָכאַמאָל אויפהייבן און ווייטער לערנען!** זאָלסטו וויסן אַז אויב דו גייסט פּראַווען אַזעלכע 'בא לטהר'ס **דעמאָלט גייסטו זען אַז אינמיטן וועלן אַלע מניעות בטל ווערן**, ווייל די אַלע זאַכן זענען בלויז אַ מבחן, צו זען וויפיל אהבה דו האסט צום רבוש"ע, אָבער באמת איז דאָס אַ בלויזע אחיזת עינים.

די אָפּטייטש פון אחיזת עינים אויף למעשה באַדייט אַז **ס'איז נישט אַזוי שרעקעדיג און ס'איז נישט אַזוי געפערליך ווי ס'קוקט אויס.**

ווען מען שטייט נאָך 'קודם המעשה' האָט דער יצר הרע אַ כח צו מאַכן טראַכטן כאילו ס'איז אוממעגליך דאָס דורכצוגיין, ווייל ער וויל אַז דער מענטש זאל זיך מייאש זיין און משלים זיין מיט זיין יעצטיגן מצב.

אָבער אַ איד וואָס איז נישט משלים מיט זיין מצב; ער וויינט און דאַוונט ווייטער; ער לאָזט זיך נישט; ער טוט אַ מצוה אַז ס'זאָל זיין אַ זכות פאר דעם ענין; ער גייט און גייט, **וועט ער סוף כל סוף אָנקומען און די קבלה וואָס ער האָט גענומען אויף זיך וועט ווערן אַ חלק פון אים!** זאָלסט וויסן אַז ס'וועט קומען דער טאָג

וואָס אַלע מחיצות גייען ווערן בטל ומבוטל, ווייל ס'איז קיינמאָל נישט געווען קיין אמת'ע מחיצות.

### אל תירא מהם; קיינמאָל נישט ווערן אָפּגעשראָקן

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס אַ מענטש האָט אַזויפיל מניעות, זאָגט דער **אור החיים הק'** אין סוף פּרשת שופטים, אַז די עבירות וואָס דער מענטש האָט געטון טוט באַשאַפן נישט גוטע מלאכים וועלכע זענען אים מונע פון טון גוטע זאַכן. **ער דאַרף זיך קריגן מיט די נישט גוטע מלאכים וואָס ער האָט אַליין באַשאַפן** און זיי רודפ'ן אים יעצט אַז ער זאָל נישט מצליח זיין אין עבודת ה'.

אַזוי איז דאָ נאָך פאַרשידענע סיבות פאַרוואָס די מניעות שטערן דעם מענטש, אָבער דער רבוש"ע זאָגט: **אפילו נאָך די אַלע חשבונות, האָסטו נישט וואָס צו זיין דערשראָקן פון די אַלע זאַכן, אויך נישט פון דיינע עבירות!** אַזויווי רבי ר' מענדעלע זי"ע לערנט אונז אַז **ווען ס'קומט צו אַ דבר מצוה זאָלסטו וויסן אַז דער אויבערשטער איז אַלעמאָל מיט דיר.**

יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש טרעפט זיך מיט גרויסע מניעות, **זאָל ער אַרויסנעמען די הבטחה פון 'הבא ליטהר מסייעין אותו'.** זיין פּחד און זיין לחץ איז טאַקע שטאַרק, אָבער טאַקע דערפאַר דאַרף ער אָנקומען צו אמת'ע בטחון אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן. נאָכדעם וואָס דו הייבסט אָן כאַפּן ווי נישט פּשוט ס'איז דער מצב, אָה, יעצט זאָלסטו זיך בוטח זיין אין דעם רבוש"ע!

### די מניעות נעמען אַוועק דעם 'כוחי ועוצם ידי'

און אַ מענטש דאַרף זיך אַלעמאָל האַלטן בשמחה. ער זאָל פאַרשטיין אַז אויב וואָלט ער נישט געהאַט די אַלע מניעות וואָלט ער יונק געווען פון אַ הרגשה פון 'כוחי ועוצם ידי'.

דאָס איז אייגנטליך נאָך אַ חשבון פאַרוואָס ס'איז דאָ אַזויפיל מניעות. ווייל ווען נישט וואָלט דער מענטש געזאָגט: "וואָס איז דער פּראָבלעם? כ'האָב מחליט געווען און כ'האָב עס באַוויזן"... **די מניעות זענען מכריח דעם מענטש צו כאַפּן אַז ער קען נישט אַליין און אַז ער דאַרף אָנקומען צום רבוש"ע.**

אַדאַנק די מניעות וויינט ער זיך גוט אויס צום רבוש"ע און ער איז מתפּלל מיט אַ צעבראָכן האַרץ. אַצינד, נאָכדעם וואָס ער ווערט געהאָלפן ווייסט ער זייער גוט אַז ער האָט דאָ געהאַט אַ נס, **דער רבוש"ע האָט אים געגעבן אַ מתנה!** ער אַנערקענט אַז די אַלע תורה וואָס ער לערנט און די מעשים טובים וואָס ער טוט, זענען נישט עפּעס וואָס ער קען מייחס זיין צו זיך אַליין, **ס'איז אַלעס פון דעם אויבערשטן!** און דעמאָלט איז זיין תורה טאַקע אַ הייליגע תורה, **ווייל ס'איז יונק פון אַ מקום קדוש**, און דורכדעם קען עס באמת ברענגען אַ ריכטיגע השראת השכינה.

נקודה למחשבה

# אליעזר איז געוואָרן אַ 'ברוך'; אַדאַנק זיינע מדות טובות

ב' חיי שרה תשפ"ד

### די קללה פון חם איז געקומען צוליב זיין אומפאַרגינערישקייט

אַ שיינער דרהער שטייט אין ספר **'דברי מרדכי'** על הש"ס, פון הגאון רבי **מרדכי מן** זצ"ל, (דער שווער פון הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל), אויף דעם וואָס רש"י ברענגט די וואך פון חז"ל, אַז אברהם אבינו האָט געזאָגט פאַר אליעזר: **אתה ארור ואני ברוך, ואין ארור מתדבק בברוך.**

פאַרוואָס איז אליעזר געווען אַן ארור?! זאָגט דער **מדרש** ווייל ער איז געווען **מזרע כנען** וועלכער איז געוואָרן געשאָלטן דורך נח. די סיבה פאַרוואָס נח האָט געשאָלטן כנען איז געווען צוליב די פּרשה וואָס חם האָט געטון ווען נח האָט געטרונקן וויין.

חז"ל זאָגן אַז די טעם פאַרוואָס חם האָט געטון אַזאַ זאַך, איז געווען ווייל ער האָט געזאָגט: **אדם הראשון שני בנים היו לו והרג זה את זה בשביל ירושת העולם, ואבינו יש לו ג' בנים ועודנו מבקש בן רביעי.** - קומט דאך אויס אַז די קללה וואָס כנען האָט באַקומען איז געווען וויבאַלד חם האָט זיך געפירט מיט די געפערליכע מדה פון 'צרות עין'. ס'איז דאָ אַ גאַנצע וועלט, אָבער ער האָט נישט פאַרגינען אַז איינער זאָל אים עפּעס אַוועקנעמען...

דער כלל איז **יש לו מנה רוצה מאתיים** - די תשוקה פון אַ מענטש צו האָבן מער האָט גאָרנישט צוטון וויפיל ער האָט שוין יעצט. מ'קען זיין מלא שמחה אפילו מ'איז אַ מסתפק במועט, און לאידך גיסא קען מען האָבן ביליאָנען, און מ'גייט אויס פאַר קנאה כדי צו באַקומען נאָך אַביסל. מען ערגערט זיך אַגאַנץ לעבן ווייל איינער האָט מיך צוגענומען אַ משהו...

**חם האָט געהאַט די מדה פון 'צרות עין', און דאָס האָט אים געברענגט אַזאַ קללה.** דערפאַר האָט אברהם אבינו נישט געוואָלט אַזאַ סאָרט שידוך מיט אליעזר, אין ארור מדבק בברוך.

### די מורא'דיגע התגברות פון אליעזר

וואָס איז אָבער געווען די סוף מיט אליעזר? ווייטער אין אונזער פּרשה שטייט אין **מדרש** (בראשית רבה, ס, ז) אויפ'ן פּסוק **בוא ברוך ה'**, אַז אליעזר איז אַרויס מכלל ארור: **על ידי ששרת אותו צדיק באמונה, יצא מכלל ארור לכלל ברוך.** די תורה איז אַזוי מרחיב מיט אַסאַך פּסוקים פון אליעזר'ס ווערטער, ווייל 'יפה שיחתן של עבדי אבות מתורתן של בנים'.

### פאַרוואָס האָט ער זוכה געווען דערצו?!

ווייל **אליעזר האָט דאָ געטון אַ התגברות אויף אַ מורא'דיגן אופן!** ער האָט דאָך אַגאַנצן צייט גע'חלומ'ט און געהאָפט זיך צו משדך זיין מיט אברהם אבינו. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז דער תלמיד מובהק, דער דולה ומשקה, און דעריבער איז זיין גאַנצע תשוקה געווען אַז ער וועט זיכער זוכה זיין צו דעם שידוך. אָבער אברהם אבינו זאָגט אים: כ'האָב נייעס פאַר דיר, איך קען זיך נישט מדבק זיין צו דיר. שיק אַוועק אַלע דיינע האָפענונג לחיים טובים ולשלום.

און נישט נאָר דאָס, אברהם אבינו בעט אים אַז **אליעזר זאל גאָר זיין דער שליח צו טרעפן אן אַנדערע שידוך**, און ער איז אים משביע אַז ער זאָל דאָס טון מיט די גאַנצע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, ער זאָל עס מיינען אמת'דיג און זוכן דעם בעסטן שידוך.

### אליעזר גייט אַרויס מכלל ארור, נאָכ'ן מבטל זיין אייגענע נגיעות

און אליעזר האָט זיך מתגבר געווען! ער האָט פאַרגעסן פון אַלע זיינע רצונות און נטיות. ער איז דאך אויך געווען אַ מענטש, ער האָט אַזוי געוואַרט און געהאָפט, דער שידוך איז געווען זיין חלום, **אָבער יעצט איז ער געוואָרן דער וואָס האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעלייגט צו ברענגען אן אַנדערן שידוך!** ער האָט געדאַוונט צום אויבערשטן, און ער האָט געטון אַלעס דאָס צושטאַנד צו ברענגען.

**טאַקע דורכדעם איז ער געוואָרן אַ ברוך!** ווייל ער האָט זיך מתגבר געווען אויף די שלעכטע מדה פון 'צרות עין', און ער האָט זיך מדבק געווען אין דער מדת החסד פון זיין רבי, אברהם אבינו, צו טראַכטן וועגן יענעם און מבטל זיין די אייגענע נגיעות.

אין מדרש שטייט דאָס לשון **'על ידי ששירת את הצדיק באמונה'** - די טייטש פון נאמנות איז 'אָן קיין נגיעות', איך בין איבערגעגעבן אמת'דיג צו דיין רצון. וואָס דאַרף אברהם פאר זיין זון?! איך עקזיסטיר נישט בכלל. **'על ידי זה יצא מכלל ארור לכלל ברוך'!**


## פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר **אברהם נטע ווייס** הי"ו
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי קוראי הגליון
יעמוד לימין הנדבן החשוב
לזכות לבני חיי ומזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**בארא פארק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר 13 Monsey
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראוווא
בית המדרש רידזש
וויואל משה סאטמאר

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב